בס"ד
תולדות תשפ"ד
גליון 165

# דעם רבינ'ס ליכט



אַייערע קינדער זאָלט איר מודיע זיין
וואס דאָ האָט זיך געטאָן (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

### לאָמיר אַריינקוקן טיפער

די תּוֹרָה דערציילט נאָכדעם "וַיֵּצֵא יִצְחָק אין די וואכעדיגע סדרה דערציילט די הייליגע תּוֹרָה פון די צווילינג ברידער, יַעֲקֹב מיט עֵשָׂו. דער הייליגער רבי אין די ערשטע תּוֹרָה פון זיין הייליגען ספר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן איז מסביר ווי אַזוֹי איז אויך היינט שייך צו אונז די עבודה פון יַעֲקֹב און מיר זאלן חלילה נישט האבן שייכות צו עֵשָׂו הרשע. דער רבי איז מסביר אַז יַעֲקֹב איז מלשון חכמה ווייל דער תרגום אונקלוס טייטשט אויפן ווארט " וַיַּעְקְבֵנִי" זֶה פַעֲמַיִם (בְּרֵאשִׁית כז) - "וְחַכְמַנִי", לערנט מען פון דעם אַז יַעֲקֹב איז דער ענין פון חכמה, און דערפאר האט ער באקומען די בכורה ווייל בכור מיינט ראשית 'ערשט' וואס דאס ווייזט אויף חכמה. זאגט דער רבי דארט אַז יעדעס אידיש קינד דארף שטענדיג קוקן אויף דער שכל און פנימיות פון יעדע זאך, ווייל יעדע זאך אין דער וועלט האט אין זיך א לעכטיגקייט און אַ געטליכע חכמה, וואס דורך איר קען מען נאנט ווערן צום אויבערשטן און אים דינען דורך די זאך.

עֵשָׂו איז פונקט פאַרקערט, ער פאַרשעמט די "בְּכוֹרָה" - חכמה, אַזוֹי ווי עס שטייט אין פָּסוּק 'וַיִּבֶז עֵשָׂו אֶת הַבְּכוֹרָה', עֵשָׂו וויל נישט קוקן מיט אויגן פון שכל אויף דער חיות וואס איז דא אין יעדע זאך, ער וויל נאר נאכגיין נאך די תאוות. ער קומט אהיים ער זעט ווי יַעֲקֹב קאכט רויטע לינזן, בעט ער אים "גיס מיר אַריין אין מיין מויל פול מיט רויטע לינזן, און איך וועל דיר פאַרדעם פאַרקויפן די בכורה".

רש"י הקדוש ברענגט אויפן פָּסוּק 'וּלְאֹם מִלְאֹם יֶאֱמָץ', אַז יַעֲקֹב מיט עֵשָׂו קענען נישט שטיין אין איין מדרגה, נאר ווען איינער שטייט און שטארקט זיך פאלט

איין אמשה'לע
ומשפע
מצות
תפלין



די פאַרדאַרבענע תבואה




ר' בן ציון
אַפּטער
חלק ב'



דער הגר



אַרָאפּ דֶער צְוֵוייטֶער, דָאס מֵיינְט וֶוען אַ אִינְגְל שְׁטַארְקְט זִיךְ מִיט אֱמוּנָה, תְּפִלָּה, קְדוּשָׁה, שִׂמְחָה, לֶערְנֶען תּוֹרָה, גוּטֶע מִדּוֹת, צְנִיעוּת, פַאלְט אַרָאפּ עֵשָׂו(יֵצֶר הָרָע) מִיט זַיינֶע חֶבְרֶה, מִיט יֶעדְן פִּינְטְל אִידִישְׁקֵייט גִיט מֶען כֹּחַ פַאר דִי "כֹּחַ הַקְּדוּשָׁה". מֶען זֶעט ווִי רַבִּי נָתָן בֶּעט אַ תְּפִלָּה אוֹיף דִי תּוֹרָה א': אִיךְ בֶּעט דִיר אוֹיבֶּערְשְׁטֶער, הֶעלְף מִיר מִיט גְרוֹיס רַחֲמָנוּת אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ גֶעבְּן "כֹּחַ" פַאר דִי מַלְכוּת דִקְדֻשָּׁה, זִי זָאל זִיךְ מִתְגַבֵּר זַיין אוֹיף "מַלְכוּת הָרִשְׁעָה", אוּן אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ מַגְבִּיר זַיין דֶעם יֵצֶר טוֹב אוֹיפְן יֵצֶר הָרָע. שֶׁענְק מִיר חָכְמָה מִיט דַעַת אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ קוּקְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ אִין דִי הֵיילִיגֶע שֵׂכֶל וָואס אִיז דָא אִין דֶעם, אוּן אִיךְ זָאל זִיךְ דֶערְנֶענְטֶערְן צוּ דִיר דוּרְךְ אַלֶע זַאכְן וָואס אִיז פַארְהַאנֶען אוֹיף דִי וֶועלְט.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז דִי חֲשִׁיבוּת פוּן עַם יִשְׂרָאֵל בִּכְלַל אוּן פוּן יֶעדֶער אִיד בִּפְרָט, זָאל שׁוֹין אַנְטְפְּלֶעקְט וֶוערְן אוֹיף דִי וֶועלְט אַזוֹי ווִי דֶער נָבִיא זָאגְט אִין דִי וָואכֶעדִיגֶע הַפְטָרָה 'אָהַבְתִּי אֶתְכֶם אָמַר הַשֵּׁם'. (מַלְאָכִי פֶּרֶק א') אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן.

# אַיין מַעשֶׂה'לע



## וּמִשְׁפַּע מִצְוַת תְּפִלִּין

**אַ גוּטְן טָאג צוּ אַלֶע טַייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן בַּר-מִצְוָה בָּחוּרִים, אִיךְ שְׁרַייבּ צוּ אַייךְ מַיין פְּרִיוַואטְן מַעֲשֶׂה'לֶע מִיט דִי הִילְף פוּן מַיינֶע עֶלְטֶערְן.**

עֶטְלִיכֶע חֳדָשִׁים פַאר מַיין בַּר-מִצְוָה הָאט זִיךְ גֶעטוּן אַ רֶעדֶערַיי בַּיי אוּנְז אִין שְׁטוּבּ, אִין וֶועלְכֶע זַאל מֶען זָאל מַאכְן דֶעם גְרוֹיסְן בַּר-מִצְוָה וָואס גֵייט פָּארְקוּמֶען, מַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן גֶערֶעדְט פוּן דֶעם זַאל פוּן יֶענֶעם, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעהַאלְטְן בַּיי מַיינְס, דִי בַּר-מִצְוָה וֶועט פָּארְקוּמֶען בַּיי אוּנְז אִין שְׁטוּבּ! יָא, דִי שֶׁענְסְטֶע זַאךְ וָואס קֶען נָאר זַיין, הֵיימִישׁ אוּן בַּא'טַעַמְ'ט אוּן צוּדֶערְצוּ וֶועט מַיין טַאטֶע נִישְׁט דַארְפְן קְלִינְגֶען רֶעכְל אוּן מֶעכְל זִיךְ בֶּעטְן פַאר נְדָבוֹת אוֹיסצוּצָאלְן דִי גְרוֹיסֶע הוֹצָאוֹת.

גֶעלוֹיבְּט הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אַז מִיר לֶעבְּן נִישְׁט קַיין אָרֶעם לֶעבְּן, עֶס אִיז דָא אַלֶעס גוּטְס בַּיי אוּנְז אִין שְׁטוּבּ, מֶען לֶעבְּט נִישְׁט אוֹיף קַיין חוֹבוֹת, הָאבּ אִיךְ זַייעֶר גֶעוָואלְט אַז מַיין טַאטֶע זָאל נִישְׁט דַארְפְן מַאכְן נַייעֶ חוֹבוֹת, אִיךְ הָאבּ גֶעהַאלְטְן פַאר מַיינֶע אוֹיגְן דֶעם מָארְגְנְדִיגֶער טָאג נָאכְן אוֹיפְשְׁטֵיין פוּנֶעם נֶעכְטִיגְן בַּר-מִצְוָה, פַארְן לֵייגְן דִי הֵיילִיגֶע

תְּפִלִּין און זֶען ווי מַיין טַאטֶע שְׁטֵייט אויף אַן אויסְגֶעשְׁלָאפֶענֶער אָן דַארְפְן קְלִינְגֶען דֶעם אִין יֶענֶעם צוּבָּארְגְן דִי פָּאר טוֹיזְנְט דָאלַלאר צוּ דֶעקְן דִי קְרֶעדִיט קַארְטְלֶעך.

דֶער אֱמֶת אִיז אַז אִיךְ זָאג נִישְׁט פַּאר קֵיינֶעם וָואס צוּ טוּן, נִישְׁט אַלֶע קִינְדֶער שְׁטֵייעֶן אויף מַיין מַדְרֵגָה אִין דֶעם עִנְיָן און אויךְ אִיךְ בִּין נִישְׁט אויסְגֶעאַרְבֶּעט אִין אַלֶע אַנְדֶערֶע גוּטֶע נְקוּדוֹת וָואס מַיינֶע חֲבֵרִים הָאבְּן און אִיךְ קוּק זֵיי זֵייעֶר אַרוֹיף, כְ'הָאבּ אֲפִילוּ הִיבְּשׁ אַבִּיסְל קִנְאוֹת סוֹפְרִים. אָבֶּער דִי זַאךְ אִיז עֶפֶּעס וָואס אִיךְ טְרַאכְט שׁוֹין זַייעֶנְדִיג גָאר אַ קְלֵיין קִינְד, אַז מַיין ב-ר- מ-צ-ו-ה וֶועט פָארְקוּמֶען אִין אוּנְזֶער עֶס-צִימֶער אָדֶער וִוי מֶען רוּפְט עֶס בַּיי אוּנְז אִין נְיוּ יָארְק 'דַיינוּנְג רוּם'.

יָא, מֶען הָאט עֶס זֵייעֶר שֵׁיין אויסְשְׁטָאפִּירְט, און צוּגֶעשְׁטֶעלְט פוּנֶעם בֶּעסְטְן און שֶׁענְסְטְן און כֻּלָּם בְּפֶה אֶחָד הָאבְּן מוֹדֶה גֶעוֶוען אַז אַ שִׂמְחָה אִינְדֶערְהֵיים אִיז עֶפֶּעס וָואס מֶען קֶען נִישְׁט אַזוֹי שְׁנֶעל אַוֶועקְמַאכְן מִיט דִי צְוֵויי הֶענְט, ווי נִישְׁט וִוי וֶוערְן דִי שִׂמְחוֹת אִין דִי זַאלְן אַבִּיסְל פְּלַאסְטִיק, וָואס אִיךְ מֵיין צוּ זָאגְן, עֶס וֶוערְט אַזַא וַואכְנַאכְט, מֶען קוּמְט מֶען גֵייט, מֶען קַייט עֶסְן פוּן פִּירְמֶעס וָואס אִיז אויךְ מֶער פְּלַאסְטִישׁ און אִיךְ מֵיין עֶנְק וֶועלְן פַארְשְׁטֵיין וָואס אִיךְ מֵיין, וְוידֶער אַ שִׂמְחָה אִין שְׁטוּבּ אִיז הֵיימִישׁ, וַוארֶעם, אַלֶע וִוי אֵיין מִשְׁפָּחָה, וֶוער עֶס קוּמְט אִיז אִין דִי שִׂמְחָה.

דִי שֵׁיינֶע הֶאָרַת פָּנִים וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעשִׁיקְט אִיז גֶעוֶוען אַז אַ נַאכְט פַאר מַיין בַּר-מִצְוָה הָאט דֶער בַּאשֶׁעפֶער צוּגֶעשִׁיקְט אַ שָׁלִיחַ מִן הַשָּׁמַיִם און הָאט אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט אַ קָאנְוֶוערְט מִיט אַ שֵׁיינֶע סוּמֶע גֶעלְט אויף אוּנְזֶער טִיר, וִוי אויךְ הָאט אַ אִיד זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט פוּן מַיין שְׁטַארְקֵייט און הָאט בְּשַׁעַת'ן בַּר-מִצְוָה אויךְ גֶעגֶעבְן אַ שֵׁיינֶעם מַתָּנָה, נָאכְן צַאמְרֶעכֶענֶען הָאבְּן מִיר בַּאמֶערְקְט אַז דָאס גֶעלְט וָואס דִי בֵּיידֶע שְׁלִיחִים מִן הַשָּׁמַיִם הָאט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט אִיז גֶעוֶוען כִּמְעַט דִי גַאנְצֶע סְכוּם פוּן דִי הוֹצָאוֹת פוּן דֶער בַּר-מִצְוָה.



פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מֶען דַארְף זִיךְ גְרֵייטְן מִיט תְּפִלָּה פַארְדֶעם מֶען זָאל הָאבְּן דִי יִשּׁוּב הַדַּעַת און נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְן וָואס אַנְדֶערֶע זָאגְן. עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען עֶטְלִיכֶע פוּן מַיין נָאנְטֶע (גוּטֶע?) חֲבֵרִים וָואס הָאבְּן מִיר גֶעקְרִימְט מִיט דִי נָאז, אַז מֶען דַארְף נִישְׁט זַיין קֵיין נַאר, בְּשַׁעַת אַ שִׂמְחָה קוּמְט אַרָאפּ אַ שֶׁפַע, מֶען זֶעט עֶס טַאקֶע אִין דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה, מֶען זָאגְט עֶס נָאךְ פוּן רֶבִּי מֵאִירְ'ל מַאפְּטָא זַ"ל אַז בַּיי אַ שִׂמְחָה זָאל מֶען זִיךְ קוֹיפְן וָואס מֶען דַארְף און אִיבֶּערְמַאכְן דִי דִירָה וַוייל דֶעמָאלְט קוּמְט אַ שֶׁפַע זָאל מֶען אַרַיינְכַאפְּן דִי גְרוֹיסֶע שֶׁפַע וָואס גִיסְט דַאן.

אִיךְ קְרִיג זִיךְ נִישְׁט אויף דֶעם, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ

זִיךְ דֶערְמַאנְט אַ תּוֹרָה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט אוֹיפְן פָּסוּק: " אֶרֶץ אֲשֶׁר לֹא בְמִסְכֵּנֻת תֹּאכַל בָּהּ לֶחֶם" דָאס מֵיינְט, 'אֶרֶץ', דִי לַאנְד וָואס מֶען אִיז נִישְׁט בּוֹחֵר צוּ עֶסְן תַּעֲנוּגִים, זָאגְט דֶער רֶבִּי, פַּארְוָואס עֶס מֶען נִישְׁט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל דִי אַלֶע פַּארְגֶענִיגְנְס 'לֹא בְמִסְכֵּנֻת', נִישְׁט וַוייל דָארְט אִיז מֶען אָרֶעם אוּן מֶען אִיז נֶעבֶּעכְדִיג, 'תֹּאכַל בָּהּ לֶחֶם', דֶערִיבֶּער עֶסְט מֶען דָארְט נָאר בְּרוֹיט אוּן נִישְׁט אַנְדֶערֶע דִילֶעקַאטֶעסְן, נֵיין, דִי סִבָּה אִיז וַוייל מֶען לִיגְט נִישְׁט אִין תַּאֲווֹת אֲכִילָה דֶערִיבֶּער אִיז מֶען צוּפְרִידְן נָאר מִיטְן עֶסְן בְּרוֹיט, אַזוֹי אוֹיךְ אַ מְקוּרָב צוּם רֶבִּי'ן אִיז אַזוֹי צוּפְרִידְן פוּן וָואס עֶר בַּאקוּמְט פוּן בַּאשֶׁעפֶער, אַז אַ שֵׁיינֶע תְּמִימוּת'דִיגֶע שִׂמְחָה קוּמְט בַּיי אִים נִישְׁט פוּן אָרֶעמְקַייט נָאר פוּן צוּפְרִידְנְקַייט.

אִיךְ וִויל נִישְׁט צוּפִיל אוֹיפְהַאלְטְן עֶנְקֶער צַייט. מַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵייט, מַיין מַאמֶע הָאט זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט צוּ בַּאקְן אוּן קָאכְן אוּן דִי קְרוֹבִים הָאבְּן זֵייעֶר הֲנָאָה צוּ נֶעמֶען אַ חֵלֶק. עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ הֶערְלִיכֶע שִׂמְחָה אַסַאךְ מֶער פוּן וָואס אִיךְ הָאבּ זִיךְ פָּארְגֶעשְׁטֶעלְט, וֶוען אַלֶע מַיינֶע חֲתוּנָה גֶעהַאטֶע בְּרִידֶער, שְׁוָואגֶער אוּן קְרוֹבִים זֶענֶען גֶעוֶוען אִיבֶּערגְלִיקְלִיךְ צוּ שִׁיקְן בִּילְקֶעלֶעךְ, פִּישׁ, קוּגְלֶען אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. פוּן אֵיין זַייט אִיז עֶס אַ טַאקֶע אַן עוֹל אַז מֶען דַארְף אֶפְשָׁר אָנְקוּמֶען צוּ אַנְדֶערֶע אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה אָנְקוּמֶען צוּ אַ צְוֵוייטְן דַארְף יֶעדֶער, וֶוען דִי שִׂמְחָה קוּמְט פָּאר אִינֶעם גְרוֹיסְן זָאל אוּן דֶער קֶעיטֶערֶער שְׁטֵייט מִיט סֶערְוֶוועטְל וִוישְׁנְדִיג דִי שְׁוַוייס אוּן וַוארְט נֶעבְּן דֶעם בַּעַל שִׂמְחָה גְרֵייט צוּ צֵיילְן דֶעם גְרָאבְּן פֶּעקְל גֶעלְט, אִיז אוֹיךְ נִישְׁט קַיין פָּשׁוּטֶ'ע זַאךְ פַּארְן בַּעַל שִׂמְחָה צוּ דֶעקְן דִי קָאסְטְן. דֶער גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר דַארְף אוֹיךְ אָנְקוּמֶען אוּן מַאכְן אַלֶע סָארְטְן מָאדְנֶע אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקַייטְן, עֶפֶּעס סְפֶּעצִיעֶל אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ זַיין שִׂמְחָה אוּן אָפְּלֵיידִיגְן דִי פוּלֶע טִישְׁן אוּן זִיךְ אָנְעֶסְן מִיט עֶפֶּעס וָואס דֶער מָאגְן הָאט קֵיינְמָאל בֶּעפָאר נִישְׁט פַארְדֵייט.

לָאמִיר צוּזַאמֶען בֶּענְקֶען אוּן וֶועלְן אוּן הָאפְן צוּ גֵיין אִין רֶבִּי'נְס וֶועגְן, אִין דִי וֶועג פוּנֶעם תָּם הַקָּדוֹשׁ אוּן דִי זִיבְּן בֶּעטְלֶערְס, אַז מֶען וֶועט בֶּענְקֶען וֶועט מֶען אָנְקוּמֶען דָארְט אוּן לֶעבְּן אַן אֶמֶת'ער חַיִּים טוֹבִים.

## וויכטיגע מודעה

צו אלע חשוב'ע קינדער וועלכע האבן זיך איינגעשריבן חודש אב - אלול צו ענדיגן א ספר און זייער נאמען איז נישט געשטאנען דא אינעם גליון און האבן נאכנישט באקומען זייער מתנה,
זאלן ביטע לאזן א הודעה אין קנעפל 7 מיט זייער נאמען און וועלכע ספר זיי האבן געענדיגט.

# ר׳ בֶּן צִיּוֹן אַפְּטֶער ב׳ (אַרְבֵּייטְמַאן)



*ר׳ בֶּן צִיּוֹן בַּאקוּמְט קְלָארֶע אָנְוַוייזוּנְגֶען פוּן זַיין רֶבִּי׳ן דֶער מוֹדְזִיצֶער רֶבִּי וֶועלְכֶע סֵפֶר צוּ לֶערְנֶען צוּ קֶענֶען זַיין אַ בָּחוּר אַ יְרֵא שָׁמַיִם, אָבֶער ר׳ בֶּן צִיּוֹן קֶען זִיךְ נִישְׁט אָפְּקִילְן דָאס הַארְץ, עֶר וַוארְט אוֹיף דִי יִרְאַת שָׁמַיִם עֶס זָאל אָנְקוּמֶען, אָבֶער אָן קַיין עֶרְפָאלְג, בִּיז זַיין רֶבִּי הָאט אִים גֶע׳עֵצָה׳ט צוּ לֶערְנֶען דֶעם סֵפֶר הַקְ׳ לִקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן... אוּן יעצט לֵיינט ווייטער*

וִוי נָאר ר׳ בֶּן-צִיּוֹן הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען זִיךְ צוּ אָנְרוּפְן אַ בְּרֶסְלֶבֶ׳ער אוּן זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט דִי סְפָרִים אוּן הֵיילִיגֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן הָאט זִיךְ בַּאלְד אָנְגֶעהוֹיבְּן אוֹיף אִים אַ שְׁטַארְקֶע הִתְנַגְּדוּת, זַיינֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען גֶעוֶוען אוּמְצוּפְרִידְן פוּן דֶעם וָואס עֶר גֵייט נִישְׁט וַוייטֶער אָן מִיט זֵייעֶר וֶועג, אַזוֹי אוֹיךְ זַיין גַאנְצֶע סְבִיבָה אַרוּם, אַלֶע הָאבְּן זִיךְ גֶעקְרִיגְט מִיט אִים אוּן אַוֶועקְגֶעמַאכְט זַיין וֶועג, אָבֶער טְרָאץ דִי גְרוֹיסֶע הִתְנַגְּדוּת פוּן אַלֶע זַייטְן הָאט ר׳ בֶּן-צִיּוֹן – וָואס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אַ בָּחוּר פוּן אַכְצְן יָאר – נִישְׁט אָפְּגֶעלָאזְט דִי נַייעֶ וֶועג פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן וָואס הָאט אִים אַזוֹי אוֹיפְגֶעלוֹיכְטְן זַיין לֶעבְּן אוּן אִיז גֶעוֶוען זַיין אֵיינְצִיגְסְטֶע טְרֵייסְט אִין זַיין וִוילְן צוּ שְׁטֵייגְן אִין יִרְאַת שָׁמַיִם.

וֶוען דֶער מַצָּב אִיז עֶנְג גֶעוָוארְן אוּן ר׳ בֶּן-צִיּוֹן הָאט דֶערְשְׁמֶעקְט אַז עֶר קֶען מֶער נִישְׁט בְּלַייבְּן אִין דֶעם סְבִיבָה הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן וֶועבְּן פְּלֶענֶער וואוּ אַהִין עֶר קֶען וֶוענְדְן זַיינֶע טְרִיט, אוּן אַזוֹי וִוי אַן אֱמֶת׳ער בְּרֶסְלֶבֶ׳ער הָאט זַיין הַארְץ גֶעצוֹיגְן צוּ פָארְן קַיין אוּמַאן צוּם הֵיילִיגְן צִיּוּן פוּן רֶבִּי׳ן זוֹכֶה זַיין צוּם גְרוֹיסְן תִּיקוּן, אָבֶער דָאס אִיז גָארְנִישְׁט גֶעוֶוען אַזוֹי גְלַאט, דֶער וֶועג פוּן פוֹלִין – וואוּ עֶר הָאט גֶעוואוֹינְט בִּיז רוּסְלַאנְד אִיז גְרַאדֶע נִישְׁט אַזוֹי וַוייט, אָבֶער אִין יֶענֶע צַייטְן אִיז גֶעוֶוען גְרִינְגֶער אָנְצוּקוּמֶען קַיין אוֹסְטְרַאלְיֶע וִוי אַדוּרְךְ צוּ גֵיין דֶעם גְרֶענִיץ פוּן פוֹלִין קַיין רוּסְלַאנְד וַוייל דִי צְוֵויי לֶענְדֶער זֶענֶען גֶעוֶוען שְׁטַארְק צֶעקְרִיגְט אוּן גֶעהַאלְטְן מִלְחָמָה אֵיינֶער מִיטְן צְוֵוייטְן, אָבֶער כָאטְשׁ דִי שְׁוֶועריִגְקַייטְן הָאט ר׳ בֶּן-צִיּוֹן גֶעבֶּעטְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אוּן פְּרָאבִּירְט טוּן אַלֶע סָארְטְן הִשְׁתַּדְּלוּת וָואס עֶר הָאט גֶעקֶענְט יָא צוּ קֶענֶען פָארְן.

מִיט דִי צַייט אִיז אִים גֶעלוּנְגֶען צוּ שַׁאפְן שְׁוַוארְצֶע פַּאפִּירְן אוּן עֶר אִיז אַרוֹיסְגֶעפָארְן צוּם גְרֶענִיץ פְּרוּבִירְן אַרִיבֶּערְצוּגֵיין, וֶוען מִיט אוֹיבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף אִיז אִים גֶעלוּנְגֶען אַרִיבֶּערְגֵיין דֶעם גְרֶענִיץ, אָבֶּער דָאס אִיז נָאר דִי עֶרְשְׁטֶע חֵלֶק פוּן דִי וֶועג, וַוייל פוּנֶעם גְרֶענִיץ בִּיז אוּמַאן הָאט אִים נָאךְ גֶעוַוארְט אַ לַאנְגֶע לַאנְגֶע רַייזֶע.... לַאנְגֶע וָואכְן אִיז עֶר גֶעוֶוען אוֹיף דִי וֶועגְן, פוּן דָארְף צוּ דָארְף, אוּן פוּן שְׁטָאט צוּ שְׁטָאט, וֶוען עֶר גֵייט אַרִיבֶּער וֶועלְדֶער אוּן פֶעלְדֶער, שְׁלָאפְט אוּנְטֶערְן הִימְל אוּן עֶרְנֶערְט זִיךְ מִיט אַבִּיסְל עֶסְן וָואס אִידְן הָאבְּן רַחֲמָנוּת אוּן גֶעגֶעבְּן אוֹיפְן וֶועג...

עֶס אִיז גֶעוֶוען סוֹף זוּמֶער וֶוען ר׳ בֶּן-צִיּוֹן פְּרוּבִּירְט צוּצוּאַיילְן זַיינֶע טְרִיט, מֶען הַאלְט שׁוֹין אֱלוּל צַייט אוּן עֶר וִויל זוֹכֶה זַיין צוּ אָנְקוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן נָאךְ פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה, זַיינֶע לִיפְּן שֶׁעפְּשֶׁען אַ תְּפִלָּה: ״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וִויל אָנְקוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן... הֶעלְף מִיר טַאטֶע!״. צְוַויי טֶעג פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז עֶר אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַ בַּאן-סְטַאנְצְיֶע אִין אַ קְלֵיין שְׁטֶעטְל וָואס אִיז גֶעוֶוען אַכְצִיג מַייל אַוֶועק פוּן אוּמַאן, עֶר אִיז צוּגֶעלָאפְן שְׁנֶעל צוּ קוֹיפְן אַ טִיקֶעט פַאר דִי בַּאן, אָבֶער אִיז בַּאלְד אַנְטוֹישְׁט גֶעוָוארְן צוּ הֶערְן אַז דֶער הַיינְטִיגֶער בַּאן אִיז שׁוֹין אַרִיבֶּער אוֹיבּ עֶר וִויל דַארְף עֶר וַוארְטְן אוֹיף דֶער מָארְגְנְ׳דִיגֶער בַּאן, נוּ וָואס קֶען עֶר טוּן? וֶועט עֶר פָארְן מָארְגְן...

וֶוען עֶר הָאט וִוידֶער גֶעוָואלְט קוֹיפְן אַ טִיקֶעט הָאט עֶר בַּאמֶערְקְט אַז דִי פְּרַייזְן זֶענֶען גָאר טַייעֶר, דִי לֶעצְטֶע אָפְּגֶעשְׁפָּארְטֶע גְרָאשְׁן אִיז וַוייט נִישְׁט גֶענוּג, וָואס טוּט מֶען? צוּלִיבּ אַבִּיסְל גֶעלְט זָאל עֶר פַארְפַּאסְן דִי לֶעצְטֶע בַּאן קַיין אוּמַאן? אָבֶער נִישְׁט אֵיינֶער וִוי ר׳ בֶּן-צִיּוֹן גֵייט אוֹיפְגֶעבְּן, עֶר הָאט אוֹיסְגֶעטוּן זַיינֶע וַוארֶעמֶע שְׁטִיוְול (וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ טַייעֶרֶע אַרְטִיקְל אִין דִי רוּסִישֶׁע פְּרָאסְטְן) אוּן עֶס פַארְקוֹיפְט פַאר אַ רוּסִישְׁן גוֹי פַאר אַ גוּטְן פְּרַייז, אוּן בַּאלְד גֶעלָאפְן קוֹיפְן אַ טִיקֶעט קַיין אוּמַאן.



עֶטְלִיכֶע שָׁעָה הָאט ר׳ בֶּן-צִיּוֹן גֶעוַוארְט אִין סְטַאנְצְיֶע צְוִוישְׁן אַלֶע סָארְטְן גוֹיִים, וֶוען פְּלוּצְלוּנְג אִין דִי נָאכְמִיטָאג שָׁעָה׳ן זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען אַפָּאר גְרוּפֶּעס בְּרֶסְלֶב׳ע חֲסִידִים פוּן אַלֶע עֶקְן פוּן רוּסְלַאנְד, שְׁפַּרֵייזְנְדִיג אוֹיף זֵייעֶר וֶועג קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים רֶבִּי׳ן, בִּיז עֶס הָאבְּן זִיךְ צַאמְגֶענוּמֶען דָארְט אִין סְטַאנְצְיֶע אַרוּם צְוַויי הוּנְדֶערְט אִידְן וֶועלְכֶע הָאבְּן אַלֶע גֶעוַוארְט אוֹיף דֶעם זֶעלְבְּן בַּאן, דִי חֲסִידִים זֶענֶען גֶעוֶוען מֶער וִוי דִי פְּלֶעצֶער אוֹיפְן בַּאן אוּן פַאר אַרוּם זֶעכְצִיג חֲסִידִים אִיז נִישְׁט גֶעבְּלִיבְּן טִיקֶעטְ׳ס צוּ קוֹיפְן, דֶעמָאלְס הָאט זִיךְ ר׳ בֶּן-צִיּוֹן גֶעפְרֵייעְדְט אוּן גֶעדַאנְקְט הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אַז עֶר אִיז גֶעקוּמֶען גֶענוּג פְּרִי אוּן הָאט שׁוֹין גֶעקוֹיפְט פְרִיעֶר אַ טִיקֶעט פַאר דִי בַּאן.

אַזוֹי וִוי עֶס הָאבְּן זִיךְ צַאמְגֶענוּמֶען אַסַאךְ

חֲסִידִים הָאבְּן זִיךְ אֵיינֶער מִיטְן צְוֵייטְן בַּאקֶענְט מִיט לִיבְּשַׁאפְט אוּן פְרֵייד אוֹיף דִי זְכִיָּה צוּ טְרֶעפְן נָאךְ גוּטֶע חֲבֵרִים וָואס לֶערְנֶען אִין רֶבִּינְ'ס חֵדֶר... אַלֶע זֶענֶען גֶעזֶעצְן צוּזַאמֶען אוּן דֶערְצֵיילְט דִי שְׁוֶוערֶע מְנִיעוֹת וָואס מֶען אִיז אַרִיבֶּער בִּיז אַהֶער, אוֹיךְ ר' בֶּן-צִיּוֹן אִיז דָארְט גֶעזֶעצְן וֶוען עֶר דֶערְצֵיילְט זַיינֶע שְׁוֶוערֶע וֶועגְן וָואס עֶר גֵייט שׁוֹין אַרִיבֶּער אַזַא לַאנְגֶע צַייט, וִוי עֶר הָאט אַרִיבֶּערְגֶעשְׁוֶוערְצְט דֶעם גְרֶענִיץ אוּן וַואלְגֶערְט זִיךְ שׁוֹין אַזוֹיפִיל צַייט אוֹיף דִי שְׁטֶעגְן אוּן וֶועגְן, אַזוֹי הָאבְּן זֵיי אוֹיךְ גֶערֶעדְט צוּזַאמֶען אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, וֶוען ר' בֶּן-צִיּוֹן אִיז זֵייעֶר מְעוֹרֵר דֶעם עוֹלָם מִיט זַיינֶע וַוארֶעמֶע דִיבּוּרִים אוּן... פְּלוּצְלוּנְג... שְׁטֶעלְט זִיךְ אוֹיף פוּן צְוִוישְׁן דִי אִידְן אַ אִידִישֶׁער פָּאלִיצִיאַנְט עֶר שְׁרֶעקְט אוֹיס זַיין בִּיקְס אַנְטְקֶעגְן ר' בֶּן-צִיּוֹן אוּן זָאגְט אִים שְׁטְרֶענְג: "דוּ בִּיסְט אַ פּוֹילִישֶׁער וָואס הָאט נִישְׁט קַיין פַּאפִּירְן? קוּם יֶעצְט מִיט מִיר!!!"

ר' בֶּן-צִיּוֹן אִיז שְׁוַוארְץ גֶעוָוארְן פַאר דִי אוֹיגְן.... זַיין גַאנְצֶע אַרְבֶּעט אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּם אָפְּגְרוּנְד? "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ ווִיל פָּארְן צוּם רֶבִּי'ן... בַּאלְד פָּארְט שׁוֹין אַרוֹיס דִי לֶעצְטֶע בַּאן...."

הַמְשֵׁךְ קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ בעז"ה...

**הר"ר שלמה זלמן אנשין הי"ו**
**לרגל הולדת בנו למזל טוב**

**הר"ר**

~ ~ ~

**הר"ר אהרן ברוין הי"ו**
**לרגל הולדת בנו למזל טוב**

# סיפורי מעשיות
## מעשה ג' - דער היגר 6

**דֶערְנָאךְ אִיז דֶער 'חָכָם' גֶעשְׁטָארְבְּן! - אוּן דָאס 'סֵפֶר' אִיז גֶעגַאנְגֶען בִּירוּשָּׁה, אוּן עֶס אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ זַיין 'אֵיינִיקְל' - אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט כֹּחַ צוּנִיצְן דֶערְמִיט בִּקְדוּשָּׁה, נָאר עֶר הָאט גֶעהַאט 'אֱמוּנָה' אִין 'הַשֵּׁם-יִתְבָּרַךְ', אוּן עֶר הָאט דֶערְמִיט נִישְׁט גֶענִיצְט - אַזוֹי-וִוי דֶער 'זָקֵן' הָאט 'צַוָּואָה' גֶעלָאזְט!**

**אוּן דִי 'מְדַבְּרִים'** (דְהַיְינוּ: דִי וָואס זֵיי רֶעדְן אָן) **וָואס עֶס אִיז פַארְהַאנְדְן צְוִוישְׁן דִי 'שֵׁדִים', הָאבְּן אָנְגֶערֶעדְט דָאס 'אֵיינִיקְל' פוּן דֶעם** [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטְן] **זָקֵן': "בַּאֲשֶׁר** [אַזוֹי-וִוי] **דוּ הָאסְט 'טֶעכְטֶער' גְרוֹיסֶע, אוּן דוּ פַארְמָאגְסְט נִישְׁט** [דִי מֶעגְלִיכְקַייט] **זֵיי מְפַרְנֵס צוּ זַיין, אוּן זֵיי 'חֲתוּנָה'** [צוּ] **מַאכְן - עַל-כֵּן** [דֶערִיבֶּער] **פָּארֶע דִיךְ מִיט דֶעם 'סֵפֶר'"!**

**אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואוּסְט: "אַז זֵיי** [דִי 'מְדַבְּרִים'] **רֶעדְן אִים דָאס אָן"! - אוּן עֶר הָאט גֶעמֵיינְט: "אַז**

זַיין ׳הַאֶרְץ׳ רֶעדְט אִים דָאס אָן״!

אִיז עֶר גֶעפָארְן צוּ זַיין ׳זֵיידְן׳ אוֹיף זַיין ׳קֵבֶר׳ – אוּן הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: בַּאֲשֶׁר [אַזוֹי־וִוי] דוּ הָאסְט גֶעלָאזְט ׳צַוָואָה׳: ״אַז מֶען זָאל נִישְׁט נִיצְן מִיט דֶעם ׳סֵפֶר׳, נָאר מִיר זָאלְן ׳אֱמוּנָה׳ הָאבְּן אִין ׳הַשֵּׁם־יִתְבָּרַךְ׳״! – הַיינְט רֶעדְט מִיךְ אָן דָאס ׳הַאֶרְץ׳: ״[אַז] אִיךְ זָאל דֶערְמִיט נִיצְן״?!

הָאט אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט זַיין ׳זֵיידֶע׳ ([דֶער ׳אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶער זָקֵן׳] וָואס עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן): ״כָאטְשֶׁע דוּ קֶענְסְט נִיצְן דֶערְמִיט בִּקְדוּשָּׁה, אִיז בֶּעסֶער אַז דוּ זָאלְסְט הָאבְּן ׳אֱמוּנָה׳ אִין ׳הַשֵּׁם־יִתְבָּרַךְ׳, אוּן זָאלְסְט דֶערְמִיט נִישְׁט נִיצְן, אוּן ׳הַשֵּׁם־יִתְבָּרַךְ׳ וֶועט דִיר הֶעלְפְן״! – הָאט עֶר אַזוֹי גֶעטָאן!

[פֶּרֶק ו] עֶר וֶוערְט אַ ׳וָואלְקְן׳ / דִי ׳שֵׁדִים׳; דִי ׳מְכַשְּׁפִים׳; אוּן דִי ׳מְדַבְּרִים׳ / דֶער ׳בּוֹים׳ וֶוערְט אָנְגֶעטְרֶענְקְט׳

[א] [דֶערְצֵיילְט וַוייטֶער דֶער ׳וָואלְקְן׳ פַארְן ׳שְׁלִיחַ׳, וִויאַזוֹי עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ ׳וָואלְקְן׳]: וַיְהִי הַיּוֹם! אִיז דֶער ׳מֶלֶךְ׳ פוּן דֶער [דָאזִיגֶער] ׳מְדִינָה׳, וָואס דָארְט אִיז גֶעזֶעצְן דָאס ׳אֵיינִיקְל׳ פוּן דֶעם [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטְן] ׳זָקֵן׳ – אִיז דֶער ׳מֶלֶךְ׳ קְרַאנְק גֶעוָוארְן!

הָאט עֶר זִיךְ גֶעפָּארֶעט מִיט ׳דָאקְטוֹרִים׳ – אוּן זֵיי הָאבְּן אִים נִישְׁט גֶעקֶענְט טָאן קַיין ׳רְפוּאָה׳, מַחֲמַת [צוּלִיבּ דִי] גְרוֹיסֶע ׳הִיצְן׳, וָואס אִיז גֶעוֶוען דָארְט אִין דֶער [דָאזִיגֶער] ׳מְדִינָה׳, דֶערִיבֶּער הָאבְּן נִישְׁט גֶעהָאלְפְן דִי ׳רְפוּאוֹת׳!

הָאט דֶער ׳מֶלֶךְ פוּן דֶער מְדִינָה׳ גוֹזֵר גֶעוֶוען: ״אַז אִידְן זָאלְן פַאר אִים מִתְפַּלֵּל זַיין״!

הָאט אוּנְזֶער ׳מֶלֶךְ׳ גֶעזָאגְט (דְהַיְינוּ: דֶער ׳מֶלֶךְ׳ פוּן ׳שֵׁדִים׳): ״בַּאֲשֶׁר [אַזוֹי־וִוי] דָאס [דָאזִיגְן אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטְן] ׳אֵיינִיקְל׳, הָאט זִיךְ כֹּחַ צוּנִיצְן מִיט דֶעם ׳סֵפֶר׳ בִּקְדוּשָּׁה – אוּן עֶר נִיצְט פָּארְט נִישְׁט דֶערְמִיט – דְרוּם [דֶערִיבֶּער] בַּאַדַארְפְן מִיר אִים אַ טוֹבָה טָאן״!

אוּן הָאט גֶעהֵייסְן מִיר: ״אַז אִיךְ זָאל דָארְט וֶוערְן אַ ׳וָואלְקְן׳ [כְּדֵי אָפְּצוּקִילְן דִי לוּפְט] – כְּדֵי דֶער ׳מֶלֶךְ׳ (פוּן דֶער ׳מְדִינָה׳) זָאל הָאבְּן אַ ׳רְפוּאָה׳, פוּן דִי ׳רְפוּאוֹת׳ וָואס עֶר הָאט שׁוֹין גֶענוּמֶען, אוּן פוּן דִי ׳רְפוּאוֹת׳ וָואס עֶר וֶועט נָאךְ נֶעמֶען״!

אוּן דָאס ׳[אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע] ׳אֵיינִיקְל׳, הָאט דֶערְפוּן גָארְנִישְׁט גֶעוואוּסְט!

אוּן מַחֲמַת [צוּלִיבּ] דֶעם, בִּין אִיךְ דָא גֶעוֶוען אַ ׳וָואלְקְן׳!

(דָאס [פוּן אָנְהֵייבּ פֶּרֶק ה, בִּיז אַהֶער] – הָאט אַלְץ דֶערְצֵיילְט דֶער ׳וָואלְקְן׳ צוּם ׳שְׁלִיחַ׳)!

אוּן דֶער [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶער ׳זוּהְן׳, דֶער ׳פְרִיעֶרְדִיגֶער הִינְקֶעדִיגֶער׳] וָואס עֶר הָאט פְרִיעֶר נִישְׁט גֶעהַאט קַיין ׳כֹּחַ׳ אִין דִי ׳פִּיס׳ – אִיז זֵיי נָאכְגֶעגַאנְגֶען אוּן הָאט דָאס אַלְץ גֶעהֶערְט.

[ב] הָאט מֶען אִים גֶעבְּרַאכְט צוּם ׳מֶלֶךְ׳ (דְהַיְינוּ: דֶעם וָואס עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ ׳וָואלְקְן׳, הָאט מֶען אִים גֶעבְּרַאכְט צוּם ׳מֶלֶךְ׳ [פוּן דִי ׳שֵׁדִים׳]).

הָאט דֶער ׳מֶלֶךְ׳ גֶעהֵייסְן: ״אַז מֶען זָאל בַּיי אִים אָפְּנֶעמֶען [צוּרִיקְנֶעמֶען] דֶעם ׳כֹּחַ׳, אוּן מֶען זָאל [דָאס] אוּמְקֶערְן צוּ דֶעם ׳מֶלֶךְ׳״ [פוּנֶעם אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטְן אִינְזְל] (וָואס זֵיי הָאבְּן בַּיי אִים דֶעם

'כֹּחַ' אַוֶועקְגֶענוּמֶען – וַוייל עֶר הָאט גֶעבּוֹיעֶט אוֹיף זֵייעֶר אָרְט, כַּנַ"ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט])! – הָאט מֶען אִים אוּמְגֶעקֶערְט דֶעם 'כֹּחַ'!

[ג] אִיז [דַאן] צוּרִיקְגֶעקוּמֶען דֶער 'זוּהְן' פוּן דִי 'שֵׁדִים' (וָואס דֶער 'פָּאטֶער' אוּן 'מוּטֶער' הָאבְּן גֶעוֵויינְט נָאךְ אִים, כַּנַ"ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]) – אוּן עֶר אִיז גֶעקוּמֶען זֵייעֶר אָפְּגֶעמוּטְשֶׁעט אָן 'כֹּחַ', וָוארְן מֶען הָאט אִים דָארְט זֵייעֶר גֶעפַּיינִיגְט!

הָאט עֶס אִים זֵייעֶר פַארְדְרָאסְן [פַארְן 'זוּהְן פוּן דִי שֵׁדִים'], אוֹיף דֶעם 'מְכַשֵּׁף', [אוֹיף] וָואס עֶר הָאט אִים דָארְט אַזוֹינֶע 'יִסוּרִים' אָנְגֶעטָאן! – הָאט עֶר אָנְגֶעזָאגְט [פַאר] זַיינֶע 'קִינְדֶער' אוּן זַיין 'מִשְׁפָּחָה': "אַז זֵיי זָאלְן תָּמִיד לָאקֶערְן אוֹיף דֶעם 'מְכַשֵּׁף'"!

אוּן צְווִישְׁן דִי 'שֵׁדִים', אִיז דָאךְ אָבֶּער דָא 'מְדַבְּרִים' (דְהַיְינוּ: דִי 'רֶעדֶערְס')! – זֶענֶען זֵיי גֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאבְּן אָפְּגֶעזָאגְט [אִיבֶּערְגֶעזָאגְט פַאר] דֶעם 'מְכַשֵּׁף': "אַז זֵיי לָאקֶערְן אוֹיף אִים"! – כְּדֵי עֶר זָאל זִיךְ הִיטְן.

הָאט דֶער 'מְכַשֵּׁף' גֶעטָאן 'תַּחְבּוּלוֹת' [מִיטְלְן זִיךְ צוּ הִיטְן] – אוּן עֶר הָאט גֶערוּפְן 'נָאךְ מְכַשְּׁפִים', וָואס זֵיי וֵוייסְן [פוּן] 'נָאךְ מִשְׁפָּחוֹת' – כְּדֵי עֶר זָאל זִיךְ הִיטְן פוּן זֵיי.

הָאט עֶס זֵייעֶר פַארְדְרָאסְן [פַאר] דֶעם 'זוּהְן', מִיט זַיין 'מִשְׁפָּחָה', אוֹיף דִי 'מְדַבְּרִים' – נָאךְ וָואס [אוֹיף וָואס] זֵיי הָאבְּן אוֹיסְגֶעזָאגְט דֶעם 'סוֹד' [פַאר] דֶעם 'מְכַשֵּׁף'!

[ד] אַמָאל הָאט זִיךְ גֶעטְרָאפְן: אַז זֵיי זֶענֶען אִינְאֵיינֶעם גֶעגַאנְגֶען, אוֹיף דֶער 'וַוארְטֶע' [מִשְׁמוֹרוֹת; הִיטְן], בַּיי דֶעם 'מֶלֶךְ' [פוּן דִי 'שֵׁדִים'] – [סַיי] פוּן דֶער 'מִשְׁפָּחָה פוּן דֶעם זוּהְן', אוּן [סַיי] פוּן דִי 'מְדַבְּרִים'! – [אוּן עֶס] זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען דִי 'מִשְׁפָּחָה פוּן דֶעם זוּהְן', אוּן הָאבְּן גֶעמַאכְט אַ 'בִּלְבּוּל' אוֹיף דִי 'מְדַבְּרִים'!

הָאט דֶער 'מֶלֶךְ' אוֹיסְגֶע'הַרְגֶ'עט דִי 'מְדַבְּרִים'!

הָאט עֶס דִי 'אִיבְּרִיגֶע מְדַבְּרִים' פַארְדְרָאסְן – זֶענֶען זֵיי גֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאבְּן גֶעמַאכְט אַ 'מְרִידָה' (דְהַיְינוּ: אַ גְרוֹיסֶע קְרִיג), צְווִישְׁן אַלֶע 'מְלָכִים'!

אִיז גֶעוָוארְן צְווִישְׁן דִי 'שֵׁדִים': 'הוּנְגֶער', אוּן 'חוּלְשׁוֹת', אוּן 'חֶרֶב', אוּן 'דֶבֶר'! – אוּן סֶע [סְ'אִיז] גֶעוָוארְן 'מִלְחָמוֹת' צְווִישְׁן אַלֶע 'מְלָכִים'! – אוּן דוּרְכְדֶעם אִיז גֶעוָוארְן 'עֶרְד־צִיטֶערְנִישׁ'! – [בְּמֵילָא] אִיז אַיינְגֶעפַאלְן דִי גַאנְצֶע 'עֶרְד'! – [בְּמֵילָא] אִיז דֶער 'בּוֹים' גֶעוָוארְן אָנְגֶעטְרֶענְקְט גָאר אִינְגַאנְצְן!

אִיז [בְּמֵילָא] פוּן זֵיי (דְהַיְינוּ: פוּן דִי 'שֵׁדִים') גָארְנִישְׁט גֶעבְּלִיבְּן, אוּן זֵיי זֶענֶען גֶעוָוארְן גָארְנִישְׁט – אָמֵן!

## 'רְמָזִים' אוֹיף דִי מַעֲשֶׂה פוּן רַבֵּנוּ זַ"ל –

### אִין 'תְּהִלִּים' קַאפִּיטְל א

[א] "אַשְׁרֵי הָאִישׁ אֲשֶׁר לֹא הָלַךְ וְכוּ' – לֹא עָמָד – וּבְמוֹשַׁב לֵצִים וְכוּ' – וְהָיָה כְּעֵץ שָׁתוּל עַל פַּלְגֵי מָיִם וְכוּ'" [תְּהִלִּים א, א־ג].

גָאר דִי [דָאזִיגֶע גַאנְצֶע] 'מַעֲשֶׂה', אִיז מְרוּמָז אִין דֶעם [דָאזִיגְן] קַאפִּיטְל [תְּהִלִּים פֶּרֶק א – "אַשְׁרֵי הָאִישׁ" וְכוּ']!

וֶוער עֶס הָאט 'אוֹיגְן', לָאז [זָאל] זֶעהְן! אוּן וֶוער עֶס הָאט אַ 'הַארְץ', לָאז [זָאל] פַארְשְׁטֵיין! וָואס אוֹיף דֶער וֶועלְט טוּט זִיךְ!

## טרעף 10 חילוקים צווישן די צוויי בילדער






נאמען: ______________



# לאמיר זיך פארהערן

## די דריטע מעשה – דער הינקעדיגער (6) סוף

**א. וואס האט דער אייניקל געטון ווען די מדברים האבן אים צוגערעדט צו נוצן דעם ספר?**

❑ ער האט זיך נישט וויסענדיג געמאכט

❑ ער האט זיי אלע פארשיקט

❑ ער איז געפארן צו זיין זיידנס קבר און אים געפרעגט וואס צו טון

**ב. צו דען האט דער אייניקל פון דעם זקן געניצט דער ספר פון די שדים ביים סוף?**

❑ ער האט זיך געניצט מיט דעם

❑ ער האט זיך נישט געניצט מיט דעם

❑ ער האט זיך געניצט מיט דעם אסאך צייט שפעטער

**ג. פארוואס האט נישט געהאלפן די רפואות פאר דער מלך וואס האט געוואוינט ביי די מדינה פון דער אייניקל?**

❑ ווייל סאיז דארט נישט געווען קיין גוטע דאקטורים

❑ וועגן די גרויסע היצן אין די מדינה

❑ וועגן די גרויסע קעלטן וואס איז געווען דארט אין די מדינה

**ד. וויאזוי איז געווארן א ערד ציטערניש דארטן?**

❑ דורך די מלחמות וואס איז געווארן צווישן אלע קעניגן

❑ דורך די כישוף מאכערס וואס האבן געמאכט כישוף

❑ ווייל סאיז דארט נישט געווען געבויעט מיט שטארקע יסודות

**ה. וואס איז געבליבן פון די אלע שדים?**

❑ סאיז גאר נישט געבליבען פון זיי

❑ זיי זענען געווארן גאר נישט

❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ו. אין וועלכע קפיטל איז מרומז די מעשה?**

❑ קפיטל פ"ד אשרי יושבי ביתך

❑ קפיטל קי"ט אשרי תמימי דרך

❑ קפיטל א' אשרי האיש

### טיפער געטראכט



**וואו זעט מען אין די מעשה אז אפילו די גוים זענען מכיר אין די גרויסקייט פון די תפילת פון די אידן?**

**און אין וועלכע מעשה נאך, זעט מען די זעלבע זאך (אז אפילו די גוים זענען מכיר אין די תפילות פון אידן)?**

### תשובות אויף די פריערדיגע וואך (חיגר 5)

**וואספארא זאך וואס ס'איז דערמאנט אין די מעשה האט דער רבי געזאגט אז ביי די וועלט איז דאס א קליינע זאך און ביי מיר איז דאס א גרויסע זאך? אמונה, (שיחות הר"ן ל"ג).**

## דער געווינער אויף 'דער חיגר' 5 איז הילד החשוב שמעון יארבלום, בית שמש

## דער געווינער אויף טיפער געטראכט איז הילד ישעי' ראטענבערג, ירושלים כתה ה'

די מתנה קען מען נעמען ביים משגיח ת"ת ברסלב ב"ש ר' יואל יאראוויטש הי"ו

צו ענטפערן די בחינות און ארייגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72 646-585-3040



# דעם רבינ'ס משלים

## דִי פַארְדָארְבֶּענֶע תְּבוּאָה

אֵיינְמָאל הָאט אַ קֶענִיג זִיךְ גֶע'חָלוֹמ'ט אַז אַלֶע תְּבוּאָה וָואס וֶועט וַואקְסְן אִין זַיין לַאנְד וֶועט וֶוערְן קַאלְיֶע, אוּן וֶוער עֶס וֶועט דָאס עֶסְן וֶועט חַס וְשָׁלוֹם וֶוערְן מְשׁוּגָע!

דֶער קֶענִיג רוּפְט זַיין מִשְׁנֶה לְמֶלֶךְ אוּן רֶעדְט זִיךְ דוּרְךְ מִיט אִים, "וָואס טוּט מֶען דָא אַן עֵצָה?!", דֶער מִשְׁנֶה לְמֶלֶךְ זָאגְט פַארְן קֶענִיג: "נִישְׁטָא קֵיין צְוֵויי בְּרֵרוֹת, פַּארְפַאלְן, מִיר וֶועלְן מוּזְן עֶסְן פוּן דִי פַארְדָארְבֶּענֶע תְּבוּאָה, ווייל צוּ זַאמְלֶען אוּן אָנְגְרֵייטְן תְּבוּאָה פַארְן גַאנְצְן לַאנְד אִיז אוּמְמֶעגְלִיךְ, ווידֶער אוֹיבּ נָאר אוּנְז צְוֵויי וֶועלְן אַוֶועקְלֵייגְן גוּטֶע תְּבוּאָה אוּן עֶסְן, וֶועלְן מִיר זַיין ווִי מְשׁוּגָעִים קֶעגְן דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט, וַוייל מִיר וֶועלְן זַיין אַנְדֶערְשׁ פוּן אַלֶעמֶען, מִיר הָאבְּן נִישְׁט קֵיין עֵצָה נָאר צוּ עֶסְן פוּן דִי פַארְדָארְבֶּענֶע תְּבוּאָה!".

"אֶפְשָׁר זָאלְן מִיר זִיךְ מַאכְן עֶפֶּעס אַ סִימָן, מִיר זָאלְן וִויסְן אַז מִיר זֶענֶען מְשׁוּגָע?" פְּרֶעגְט דֶער מִשְׁנֶה לְמֶלֶךְ.

דֶער קֶענִיג אִיז נִישְׁט מַסְכִּים צוּ קֵיין שׁוּם פָארְשְׁלַאג, עֶר הָאט אַ גֶערֶעכְטֶע טַעֲנָה: "אוֹיבּ דִי גַאנְצֶע מְדִינָה וֶועלְן וֶוערְן מְשׁוּגָע, דַארְפְן מִיר אוֹיךְ וֶוערְן מְשׁוּגָע ווִי זֵיי, זָאלְן מִיר וֶועגְן דֶעם טוּן אַזַא מְשׁוּגַע'ת צוּ עֶסְן מְשׁוּגֶע'נֶע תְּבוּאָה?! זִיכֶער נִישְׁט!!".

דֶער קֶענִיג שְׁלָאגְט וַוייטֶער פָאר זַיין פְּלַאן פַארְן מִשְׁנֶה לְמֶלֶךְ: "לָאמִיר אוּנְז בֵּיידֶע זִיךְ אַוֶועקְלֵייגְן גֶעזוּנְטֶע תְּבוּאָה אוּן עֶסְן נָאר דָאס, אוּן אַז דִי מֶענְטְשְׁן פוּן לַאנְד וֶועלְן אוּנְז הַאלְטְן פַאר מְשׁוּגָעִים, וָואס אִיז דֶען אַזוֹי גֶעפֶערְלִיךְ, זָאלְן מִיר וֶועגְן דֶעם עֶסְן פַארְדָארְבֶּענֶע מְשׁוּגֶע'נֶע תְּבוּאָה?!"

אוֹיבּ דִי וֶועלְט פִירְט זִיךְ נִישְׁט ווִי מֶען בְּרוֹיךְ אוּן מֶען לוֹיפְט נָאךְ דִי גֶעלְט אוּן אֵיינְגֶערֶעדְטֶע כָּבוֹד, נִישְׁט טְרַאכְטְנְדִיג אוֹיף דִי טֶעג אוּן יָארְן וָואס פְלִיעֶן אַרִיבֶּער ווִי אַ ווינְט, דֶערִיבֶּער זָאלְן מִיר זֵיי נָאכְטוּן?! זִיכֶער נִישְׁט!! מִיר וֶועלְן זַאמְלֶען 'גֶעזוּנְטֶע תְּבוּאָה' - תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה, מִיר זָאלְן הָאבְּן דִי כּוֹחוֹת צוּ שְׁטֵיין פֶעלְזְנְפֶעסְט קֶעגְן דִי מְשׁוּגֶע'נֶע אֵיינְפִירֶעכְצֶער, אַיי דִי וֶועלְט קֶען אוּנְז הַאלְטְן פַאר מְשׁוּגָעִים, אִיז וָואס? זֵיי קֶענֶען טְרַאכְטְן וָואס זֵיי ווילְן, דֶער עִיקָר אַז מִיר זָאלְן זִיךְ אָפְּזוּנְדֶערְן פוּן דִי שְׁלֶעכְטְס אוּן בְּלַייבְּן מִיטְן אֱמֶת אוּן תְּמִימוּת, אַ בְּחִינָה פוּן "וְסָר מֵרָע מִשְׁתּוֹלֵל".

(שיש"ק)

